# דעם רבינ'ס ליכט



אַײַעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוּדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### אַ גוּט שַׁבָּת פַאר אַלֶע אִידְן

די וָואךְ פַּרְשַׁת חֻקַּת, שְׁטֵייט אִין אָנְהֵייבּ פַּרְשָׁה "וַיְדַבֵּר ה׳ אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן לֵאמֹר, זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה" דָאס אִיז דִי גֶעזֶעץ פוּן דִי תּוֹרָה, "דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ פָּרָה אֲדֻמָּה תְּמִימָה" רֶעדְט צוּ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי זָאל נֶעמֶען אַ רוֹיטֶע קוּ גַאנְץ אָן אַ פֶּעלֶער.

די פַּרְשָׁה פוּן פָּרָה אֲדוּמָּה קוּמְט אוּנְז מְגַלֶּה זַיין אַז מְ׳קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין און דֶערְגְרֵייכְן קֵיין שׁוּם טַעַם אִין דִי מִצְוֹות פוּן בַּאשֶׁעפֶער און מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיינְקְלֶערְן אִין דֶער טַעַם פוּן דִי מִצְוֹות, אַזוֹי וִוי רַשִׁ״י הַקָּדוֹשׁ שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶעם פָּסוּק אַז דֶער שָׂטָן מִיט דִי פֶעלְקֶער זֶענֶען מְצַעֵר דִי אִידְן און פְרֶעגְן וָואס אִיז דֶער טַעַם פוּן דִי מִצְוֹות, דֶערְפַאר הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט "חֻקָּה" דָאס אִיז דֶער גֶעזֶעץ מְ׳טָאר אִין דֶעם נִישְׁט אַרַיינְטְרַאכְטְן, פַארְוָואס?

רֶבִּי נָתָן אִין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת (נפילת אפיים ד׳) זָאגְט אַז דִי מִצְוָה פוּן פָּרָה אֲדוּמָּה אִיז "לֹא לְלַמֵּד עַל עַצְמוֹ יָצָא אֶלָּא לְלַמֵּד עַל הַכְּלָל כֻּלּוֹ יָצָא" דָאס מֵיינְט אַז נִישְׁט נָאר דִי מִצְוָה פוּן פָּרָה אֲדוּמָּה קֶען מֶען נִישְׁט און מֶען טָאר




נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, נָאר אַלֶע מִצְוֹות וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען בַּיים בַּארְג סִינַי, טָאר מֶען נִישְׁט אַרַיינְטְרַאכְטְן דֶער טַעַם נָאר מֶען דַארְף זֵיי מְקַיֵּים זַיין מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה.

אַזוֹי וִוי גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל זֶענֶען מְקַיֵּים דִי מִצְוֹות מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, וַוייל דִי טְעָמִים פוּן דִי מִצְוֹות זֶענֶען גָאר בַּאהַאלְטְן און פַארְהוֹילְן, אַ מֶענְטְשׁ קֶען דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

מִיר בְּרֶענְגֶען אַ בְּרִיוו פוּן רֶבִּי נָתָן וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן פַּרְשַׁת חֻקַּת, דֶער אָרְגִינַאלֶער בְּרִיוו אִיז גֶעוָוארְן גֶעשְׁרִיבְּן אִין אִידִישׁ, מִיר הָאבְּן דָאס אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט לוֹיט דִי הַיינְטִיגֶע אִידִישׁ.

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו׳ עֶרֶב שַׁבַּת קֹדֶשׁ פָּרָשַׁת חֻקַּת תר"ב אוּמַאן:**

שָׁלוֹם לִבְנִי נַחְמָן שֶׁיִּחְיֶה וְלִבְנִי יוֹסֵף יוֹנָה שֶׁיִּחְיֶה לְמַעַן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בַּאגֶערְט צוּ לֶערְנֶען. וֶועט אֵייךְ תָּמִיד גוּט זַיין. דִי וֶועלְט אִיז גָאר נִישְׁט. עֶס בְּלַייבְּט מֶער נִישְׁט אִיבֶּער נָאר תּוֹרָה און תְּפִלָּה און מַעֲשִׂים טוֹבִים. וָואס אִיר וֶועט דַארְפְן נֵייטִיג וֶועל אִיךְ אֵייךְ הֶעלְפְן בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ און גְרוֹסְקֵייט [לוּקְסוּס] בַּאדַארְף מֶען נִישְׁט. דִי טַייעֶרֶע מַלְבּוּשִׁים פַאר אִימֶערִין דֶעם מֶענְטְשְׁן דָאס לֶעבְּן, בִּפְרָט גִימֵיינֶע לַייט בִּפְרָט אַזוֹינֶע נִרְדָּפִים וִוי מִיר זֶענֶען וָואס אִיטְלִיכֶער גִילְדִין קוּמְט מִיר אָן בִּנֵס גָּדוֹל וָואס מֶען קָאן

המשך קומענדיגע זייט

המשך פון זייט 1

גָאר נִישְׁט דֶערְצֵיילְן מִכָּל-שֶׁכֵּן אַרוֹיס שְׁרַייבְּן נָאר פוּן דֶעסְט וְועגְין וֶועט אוּנְז גָאט בָּרוּךְ הוּא הֶעלְפְן עֶסְן אוּן טְרוּנְקֶען אוּן אַ קַאפְּטִין. נָאר לֶערִינְט אוּן דַאוְוינְט אוּן הִיט אַייךְ פוּן שְׁלֶעכְץ אוּן זַייט פְרֵיילִיךְ.

גַם זֶעהט אִיר זָאלְט שְׁרַייבְּן אוֹיךְ אַלֶע טָאג. אוּן הַאלְט עֶרְלִיךְ אִמְּכֶם הַכְּשֵׁרָה. לְמַעַן הַשֵּׁם אִיר זָאלְט אַייךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט שְׁלָאגִין, חַס וְשָׁלוֹם. אִיר זָאלְט קַיין צַעַר חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אָן טָאן לְאִמְּכֶם תִּחְיֶה, זִי הָארִיוֶועט אַרוּם אַייךְ גִינוּג. אוּן זָאגְט תְּהִלִּים אַלֶע טָאג. אוּן הֵייבְּט אַייךְ אָן צוּגֶעוואוֹינֶען אוֹיסְרֵיידְין זִיךְ דָאס הַארְץ פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וֶועט אַייךְ אַזוֹי וואוֹיל זַיין. נִיט [נאר פאר] אַייךְ אַלֵיין שְׁרַייבּ אִיךְ דָאס כִּי גַּם לְאַחֵיכֶם הַגְּדוֹלִים שֶׁיִּחְיוּ שְׁרַייבּ אִיךְ דָאס, אוֹיךְ זֵיי דַארְפִין אַלֶע דִי רֵייד. נָאר אִיהר זֶענְט יוּנְגֶע קִינְדֶער אִיר זָאלְט לַאנְג לֶעבִּין. בֶּעדַארְפְט אִיהר פוּן הַיינְט זִיךְ גֶעוואוֹינֶען דֶערְמִיט צוּ גֵיין צוּ טְרַאכְטִין רַק אוֹיף דֶעם אִינְטֶערְשְׁטְן תַּכְלִית. אִיר זֶענְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם נִישְׁט קֵיין טִפְּשִׁים חַס וְשָׁלוֹם. אִיר וֶועט פַאר שְׁטֵיין מַיינֶע רֵייד. נָאר אַז אִיר וֶועט זֵיי מְקַיֵּים זַיין וֶועט אִיר נָאךְ בֶּעסֶער פַארְשְׁטֵיין, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יַאֲרִיךְ יְמֵיכֶם וּשְׁנוֹתֵיכֶם בְּתוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים אָמֵן. נָתָן הַנַּ"ל.

## א שטיקעלע תפלה אויף ראש השנה

**יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ, שֶׁתְּזַכֵּנִי בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים לֵילֵךְ וְלִנְסֹעַ לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וְלִהְיוֹת מְקֻשָּׁר תָּמִיד לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים וְעַל-יְדֵי-זֶה אֶזְכֶּה לְקַדֵּשׁ אֶת דַּעְתִּי וּמַחֲשַׁבְתִּי בִּקְדֻשָּׁה גְדוֹלָה וְתַחְמֹל עָלַי בְּחֶמְלָתְךָ הַגְּדוֹלָה, וְתִהְיֶה בְּעֶזְרִי וְתַצִּילֵנִי מֵעַתָּה מִכָּל מִינֵי מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת וּמִכָּל מִינֵי פְּגַם הַדַּעַת שֶׁבָּעוֹלָם וּתְחָנֵּנִי מֵאִתְּךָ חָכְמָה דֵּעָה בִּינָה וְהַשְׂכֵּל, וּתְזַכֵּנִי מְהֵרָה לְקַדֵּשׁ אֶת הַמַּחֲשָׁבָה בִּשְׁלֵמוּת בֶּאֱמֶת וּבְרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים תַּמְתִּיק וּתְבַטֵּל כָּל הַדִּינִים מֵעָלֵינוּ וּמֵעַל כָּל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם.**




# בשורה טובה

**קומענדיגע וואך וועט זיין בעז"ה צובאקומען דעם דיסק פונעם מעמד הסיום**

**הדפסת הגליון נתנדב**
**הר"ר ישראל אהרן פישמאן הי"ו**
**לרגל הכנסת בנו הבה"ח יעקב מאיר נ"י**
**לעול התורה והמצוות**

~ ~

**הגליון נתנדב ע"י הר"ר אברהם זאנוויל גערטנער הי"ו**
**לרגל שמחת הולדת הבת למזל טוב בשטומ"צ**

**א דאנק פאר די אלע געטרייע מלמדים און אינגעלייט וועלכע האבן צוגעהאלפן בשעת דעם מעמד הסיום**

הר"ר יואל יאראוויטש הי"ו משגיח, הר"ר שלמה פערקאוויטש הי"ו, הר"ר יהודה כהן הי"ו, די חשוב'ע מלמדים פון ת"ת ברסלב בית שמש הר"ר שלמה סאמעט הי"ו, הר"ר יעקב שמחה מענע הי"ו, הר"ר נפתלי גולשבסקי הי"ו.
הר"ר מאיר פוקס הי"ו, הר"ר נחמן שיף הי"ו,
הר"ר נחמן טווערסקי הי"ו, ר' אברהם ווערבערמאן,




די געסל וואו הרב אלפנדרי האט געוואוינט

# רבי שלמה אליעזר אלפנדרי זצ״ל

עֶס אִיז גֶעשֶׁען אַמָאל אַ מוֹרָא׳דִיגֶע מַעֲשֶׂה מִיט הָרַב הֶחָסִיד ר׳ יִשְׂרָאֵל בֶּער אָדֶעסֶער זַ״ל, אַ חָשׁוּבֶ׳ער עֶרְלִיכֶער בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חָסִיד פוּן פְרִיעֶרְדִיגְן דוֹר. עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אַלְס אִינְגֶערְמַאן אִין שְׁטָאט טְבֶרְיָה, עֶר אִיז גֶעוָואֹרְן מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן דוּרְךְ דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער זַ״ל.

אִין יֶענֶע צַייטְן זֶענֶען לַיידֶער גֶעוֶוען אַסַאךְ שַׁארְפֶע מִתְנַגְדִים אוֹיף דִי בְּרֶסְלֶבֶ׳ע חֲסִידִים, גֶעלוֹיבְּט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַז הַיינְט וֵוייסְט מֶען נִישְׁט וָואס דָאס מֵיינְט, אָבֶּער אִין יֶענֶע יָארְן הָאבְּן דִי בְּרֶסְלֶבֶ׳ע חֲסִידִים גֶעלִיטְן שְׁוֶוערֶע צָרוֹת פוּן דִי מִתְנַגְדִים. ר׳ יִשְׂרָאֵל בֶּער אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַ אִינְגֶעלֶע אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּי׳נְס סְפָרִים אוּן זִיךְ מְחַיֶה גֶעוֶוען מִיט דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן דָאס הָאט אִים זֵייעֶר צוּגֶעהָאלְפְן צוּ קֶענֶען דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען ר׳ יִשְׂרָאֵל בֶּער הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז עֶר אַרַיין לֶערְנֶען אִין אַ יְשִׁיבָה/כּוֹלֵל וָואס אִיז גֶעוֶוען סְטַאנְצִיאָנִירְט בַּיים קֶבֶר פוּן רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵס אִין טְבֶרְיָה. לַיידֶער זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען אִידְן וָואס הָאבְּן אִים פַיינְט גֶעהַאט וַוייל עֶר אִיז אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ער. יֶענֶע צַייטְן אִיז גֶעוֶוען אַן אָרִימְקַייט, דָאס בִּיסְל גֶעלְט וָואס ר׳ יִשְׂרָאֵל בֶּער הָאט גֶעצוֹיגְן פַּרְנָסָה אִיז גֶעוֶוען פוּן דֶעם כּוֹלֵל וָואס הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ וֶועכְנְטְלִיכֶער גֶעהַאלְט, דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין בְּרוֹיט צוּם לֶעבְּן.

ווִיבַּאלְד דִי מֶענְטְשְׁן אַרוּם זֶענֶען גֶעוֶוען נִישְׁט דִי בֶּעסְטֶע לִיבְּהָאבֶּערְס פוּן בְּרֶסְלֶבֶ׳ע חֲסִידִים הָאבְּן זֵיי אַיינְגֶערֶעדְט דֶעם רֹאשׁ הַכּוֹלֵל עֶר זָאל מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן דֶעם בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חָסִיד ר׳ יִשְׂרָאֵל בֶּער. זֵיי פְלֶעגְן אַזוֹי פַּיינִיגְן דֶעם רֹאשׁ הַכּוֹלֵל בִּיז עֶר הָאט טַאקֶע אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ שְׁטִיצְן ר׳ יִשְׂרָאֵל בֶּער, אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ שְׁוֶוערֶע מַצָּב אִין שְׁטוּב פוּן ר׳ יִשְׂרָאֵל בֶּער, אָבֶּער עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ וָואךְ-צְוֵויי, אוּן אִין שְׁטוּב אִיז גֶעוָוארְן לֵיידִיג, אַז אֲפִילוּ אַ טְרוּקְן שְׁטִיקְל בְּרוֹיט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ גֶעפִינֶען. אִין יֶענֶע צַייטְן אַז אַ אִיד הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט הָאט עֶר גֶעקֶענְט אוֹיסְגֵיין פוּן הוּנְגֶער, נִישְׁט ווִי הַיינְטִיגֶע צַייטְן וָואס מֶען קֶען טְרֶעפְן קַאוֶוע אוּן מְזוֹנוֹת אִין שׁוּל אָדֶער גֵיין אוֹיף שִׂמְחוֹת אוּן שְׁטִילְן דֶעם הוּנְגֶער, יֶענֶע יָארְן אִיז דָאס נִישְׁט גֶעוֶוען וַוייל דִי אָרִימְקַייט אִיז גֶעוֶוען עֶפֶּעס וָואס מִיר מִיט דִי הַיינְטִיגֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקַייט קֶענֶען נִישְׁט בַּאגְרֵייפְן.

אִין טְבֶרְיָה הָאט גֶעוואוֹינְט יֶענֶע צַייטְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן מְקֻבָּל מִיטְן נָאמֶען רֶבִּי שְׁלֹמֹה אֱלִיעֶזֶר אַלְפַנְדְרִי זַצַ״ל, אַ צַדִיק וָואס אַלֶע גְדוֹלֵי הַדוֹר זֶענֶען מִיט יִרְאַת הַכָּבוֹד גֶעפַאלְן פַאר אִים, אַ שְׁטֵייגֶער ווִי דֶער יְרוּשָׁלַיִמֶ׳ער רָב רֶבִּי יוֹסֵף חַיִּים זָאנֶנְפֶעלְד

זַ״ל, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער מִנְחַת אֶלְעָזָר דֶער רָב פוּן מוּנְקַאטְשׁ אִיז גֶעקוּמֶען סְפֶּעצִיעֶל צוּ פָאְרן פוּן חוּץ לָאָרֶץ זִיךְ טְרֶעפְן מִיט דֶעם צַדִּיק, וֶועלְנְדִיג פּוֹעֶלְ׳ן גְרוֹיסֶע זַאכְן. הָרַב אֶלֶפַנְדְרִי הָאט גֶעהַאט אֲרִיכוּת יָמִים און גֶעלֶעבְּט אִיבֶּער דִי הוּנְדֶערְט.

זַייֶענְדִיג אִין אַזַא קְלֶעם אִיז ר׳ יִשְׂרָאֵל בֶּער אַרִיבֶּער צוּ הָרַב אֶלֶפַנְדְרִי צוּ וֶועמֶען עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן נָאנְט, עֶר פַארְצֵיילְט אִים אַז שׁוֹין עֶטְלִיכֶע וָואכְן וָואס עֶר בַּאקוּמְט נִישְׁט קַיין כּוֹלֵל גֶעלְט פַאר דִי אֵיינְצִיגֶע סִבָּה אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ער. ״וַוייל אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף חֲצוֹת און זָאג תִּיקוּן חֲצוֹת און אִיךְ לֶערְן דִי הֵיילִיגְן סְפָרִים, און אִיךְ רֶעדְט זִיךְ אַסַאךְ אוֹיס צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דֶערִיבֶּער דַארְף אִיךְ נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין גֶעהַאלְט צוּ קֶענֶען שְׁפַּייזְן מֵיין גֶעזוּנְדְל?״ וֵויינְט זִיךְ ר׳ יִשְׂרָאֵל בֶּער אוֹיס פַאר הָרַב אֶלֶפַנְדְרִי.

ר׳ שְׁלֹמֹה אֱלִיעֶזֶר שִׁיקְט רוּפְן דֶעם רֹאשׁ הַכּוֹלֵל פוּן קֶבֶר רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס, וִוי נָאר דֶער רֹאשׁ הַכּוֹלֵל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען הָאט הָרַב אֶלֶפַנְדְרִי – וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען בַּאקַאנְט מִיט זַיין אֱמֶת, עֶר פְלֶעגְט מְקַיֵּים זַיין דֶער פָּסוּק פוּן ״ לֹא תָגוּרוּ מִפְּנֵי אִישׁ״ נִישְׁט הָאבְן קַיין שׁוּם פַּחַד פַאר קֵיינֶעם – גֶעהוֹיבְן זַיין קוֹל אוֹיף דֶעם רֹאשׁ הַכּוֹלֵל און גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים: ״וואוּ אִיז דַיין רַחֲמָנוּת? אִידְן זֶענֶען דָאךְ רַחְמָנִים בְּנֵי רַחְמָנִים, וָואס ווִילְט אִיר אַז דֶער אִינְגֶערְמַאן זָאל שְׁטַארְבְן פוּן הוּנְגֶער? אִיר נֶעמְט דִי עֲבֵרָה אוֹיף אֵייעֶר קָאפּ?״ הָרַב אֶלֶפַנְדְרִי רוּפְט זִיךְ אָן בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: ״דוּ וֵוייסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק פוּן בְּרֶסְלֶב, אִיז צַדִּיק יְסוֹד הָעוֹלָם, וֶוער עֶס רִירְט אָן אִים אָדֶער זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אִיז אַזוֹיווִי עֶר רִירְט אָן כִּבְיָכוֹל דִי פִּינְטְל פוּן דֶער אוֹיג פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ! אַזַא מֶענְטְשׁ וֶועט נִישְׁט גֶערֵיינִיגְט וֶוערְן! – דָאס מֵיינְט אַז וֶוער עֶס רִירְט אָן דֶעם רֶבִּי׳ן אָדֶער זַיינֶע מֶענְטְשְׁן וֶועט גֶעשְׁטְרָאפְט וֶוערְן רַחֲמָנָא לִצְּלַן.

״גֵיי שְׁנֶעל אַרוֹיס פוּן דָא, אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן אַז אַזֶעלְכֶע שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן זַיין בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ!״ הָאט הָרַב אֶלֶפַנְדְרִי וַוייטֶער בַּאזִידְלְט דֶעם רֹאשׁ הַכּוֹלֵל. נָאכְן בַּאקוּמֶען אַזֶעלְכֶע פָּארְצִיעֶס הָאט דֶער רֹאשׁ הַכּוֹלֵל וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מִיט דִי גֶעהַאלְט פַאר ר׳ יִשְׂרָאֵל בֶּער, אַזוֹי הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעקֶענְט לֶערְנֶען בַּאקוּמֶענְדִיג זַיין חוֹדֶשְׁ׳לִיכֶער צָאלוּנְג, מֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעפֶעלְט קַיין בְּרוֹיט אִין שְׁטוּבּ, אָבֶּער לַיידֶער אִיז וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף ר׳ יִשְׂרָאֵל בֶּער מַחֲלוֹקֶת פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְן אִים גֶעפַּיינִיגְט אָבֶער נָאכְן הֶערְן אַזֶעלְכֶע גֶעשְׁרֵייעֶן פוּן הָרַב אֶלֶפַנְדְרִי הָאט דֶער רֹאשׁ הַכּוֹלֵל מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מִיט דִי חוֹדֶשְׁ׳לִיכֶע גֶעלְט.

מִיר זֶעעֶן פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז אַ צַדִּיק פוּן יֶענֶע יָארְן, וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט פַארְרוּפְן אַלְס בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חָסִיד, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַזֶעלְכֶע מוֹרָא׳דִיגֶע וֶוערְטֶער אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. דַארְפְן מִיר קִינְדֶער וִויסְן און שְׁטָאלְצִירְן מִיט אַזַא רֶבִּי, און פוּן צְוֵוייטְן זַייט דַארְפְן מִיר זֵייעֶר נִזְהָר זַיין צוּ גֶעבְן כָּבוֹד פַאר אוּנְזֶערֶע חֲבֵרִים בִּפְרָט דִי בְּרֶסְלֶבֶ׳ע חֲבֵרִים וַוייל אַז מֶען רִירְט אַן אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ער אִיד... עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּצוּעֶנְדִיגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן הָרַב אֶלֶפַנְדְרִי, אָבֶער מִידָּה טוֹבָה מְרֻבָּה, וֶוער עֶס הֶעלְפְט אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חָבֵר, אַ צְוֵוייטְן אִיד הֶעלְפְט מֶען כִּבְיָכוֹל אַז דִי שְׁכִינָה זָאל רוּעֶן צְוִוישְׁן אוּנְז און עֶס זָאל שׁוֹין דֶערְנֶענְטֶערְט וֶוערְן דִי גְאוּלָה.

(אוצר נחמני סעיף רב״י)

# מעמד סיום סיפורי מעשיות



אזוי ווי עס איז ב"ה פארגעקומען דער יערליכער סיום סיפורי מעשיות די וואך מאנטאג אין בית שמש, פארבינדן מיר זיך מיט א חשוב'ן אינגל מענדי ער זאל אונז פארציילן זיינע געפילן פונעם גרויסן מעמד.

**א גוטן מענדי, אפשר פארציילסטו אונז ווי אזוי די ביסט אריינגעקומען אינעם איבערגעפילטן זאל מיט אזויפיל ברסלב'ע קינדער בליעה"ר?**

יא טאקע, דאס איז געווען די ערשטע זאך ווען איך בין אריינגעקומען אין זאל און געזען לאנגע שורות פון קינדער און עס האט מיר אויסגעזען ווי איך גיי נישט אנקומען אינעווייניג און אפילו אויב יא וועל איך נישט האבן קיין פלאץ, אבער ב"ה מיט תפלה בין איך אנגעקומען און באקומען א גוטן פלאץ.

**אוהא! האסט זיך געלערנט פונעם בעל תפלה! מיר האבן געוואלט הערן פון אזא חשוב'ער אינגל ווי דו, ווי אזוי האט אויסגעקוקט דער מעמד פון דיין קוק-ווינקל?**

איך וועל עס פרובירן צו מאכן קורץ. אין אנהייב האט ר' יצחק וועבערמאן הי"ו גערעדט אז מיר אלע קינדער זענען געבינדן און געקניפט צוזאמען מיט דעם הייליגן רבי'ן און זיינע עצות, מיט דעם קשר האבן מיר א גרויסן כח צו קענען אריבער גיין דעם גשר צר מאוד, דער בריק וואס האלט זיך אויף שטריקן און קשרים, דער קשר דאס האלט אונז שטארק. נאכדעם האט ר' נפתלי גולשבסקי הי"ו אויפגעטרעטן און געזאגט אז מיר מיינען אז ווען מען איז קראנק אויף אזויפיל סארטן קרענק דארף מען אזויפיל העלפערס/ מעדעצינען ווען באמת דארפן מיר נאר איין רפואה, דער גרויסער דאקטאר דער הייליגער רבי זאל אונז געבן איין רפואה, בפרט דעם טאג ראש השנה ווען ער קען געבן תיקונים וואס אפילו משך דעם יאר באקומט מען נישט.

**איך זע דו האסט גוט אויסגעהערט די דרשות, פארציייל אונז ווייטער דער המשך פונעם מעמד.**

כתר, כתר, הערט זיך אין לופטן ווען די הונדערטער ברסלב'ע קינדער זינגען,

יחד, יחד, מיר גייען, זיך באנייען, ביים

רבי'ן, און שטאט אומאן, בשבת אחים גם. דער ניגון האט זיכער דערוועקט אויבן אין הימל א רחמנות מיר זאלן זוכה זיין צו א אנגענעמענע ראש השנה און זוכה זיין אז מיר זאלן קענען פארן אויף די הייליגע וועגן קיין אומאן און ווי דער ניגון גייט ווייטער... מַלְאָכִים מַלְאָכִים מַלְאָכִים, פוּן יֶעדְן טְרִיט אוֹיף דִי דְּרָכִים, בַּאשַׁאפְן עֶס וֶוערְט בְּכָל פְּסִיעָה וּפְסִיעָה.

## האסט באקומען דעם שיינעם מתנה דער תיקון הכללי?

יא, טאקע א רייכע מתנה, בשעת מען האט אויסגעטיילט די מתנה האבן די קינדער געזונגען דעם נוסח וואס מען זינגט נאך די תקיעות פון אשרי העם יודעי תרועה, עס האט געגעבן א סקרוך אין די ביינער זיך דערמאנענדיג די הייליגע ניגונים.

ר' נפתלי האט פארגעזאגט דעם תיקון הכללי ווען צום סוף זענען אלע קינדער ארויס אין איין געשריי פון הארץ - פאר איין מינוט - אז דער רבונו של עולם זאל איינמאל פאר אלעמאל אונז אהיימנעמען צוריק אונטער זיינע פליגלען.

## איין מינוט וואס איז מיט סיפורי מעשיות, עס איז דאך געווען א מעמד פון א סיום, ניין?

יא, איין מינוט, דער מעמד איז געווען צו וויינען און צום שמייכלען. דער ערשטער חלק מעמד איז געווען א תפלה און א געבעט פארן ראש השנה, און טאקע נאכן תיקון הכללי האט מען מען מקבל געווען מיט צעקות הלב דעם עול מלכות שמים. גלייך דערויף האט זיך אנגעהויבן דער סיום ווען א חשוב'ער אינגל וואס האט אנגעיאגט צו ענטפערן די בחינות רוב וואכן פון יאר האט מסיים געווען. נאכדעם האט מען געזינגען אין גראמען דעם סדר פון די הייליגע מעשיות. איך זינג אייך נאר צוויי שטיקלעך אויפן ניגון פון צווה.

דִי דְרַייצְן הֵיילִיגֶע, סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, פוּן אֲדוֹנֵינוּ וְרַבֵּנוּ, לָאמִיר דָאס לֶערְנֶען, חֲזֶרְ'ן אוּן קֶענֶען, אוּן זִינְגֶען אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ

3 וֶוער קוּמְט אַרַיין, דֶער חָכָם אוּן דֶער תַּם, אַ לֶעבְּן אַ זִיסֶע אִיז פַארְהַאן, פָּשׁוּט אוּן בַּאשֵׁיידְן, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פוּן קַיין לַיידְן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אַ גַן-עֵדֶן.

2 פוּן הַארְצְן טִיפְן טוּעֶן מִיר רוּפְן, צוּם בּוֹרֵא וָואס תְּפִלּוֹת שׁוֹמֵעַ, מִיר זָאלְן דֶערְלֶעבְּן, גֵיין אִין דִי וֶועגְן, פוּן רֶבִּי'ן דֶער נַחַל נוֹבֵעַ.

גלייך דערויף איז געווען די התחלה, אויפן ספר, אבער מען האט געלאזט וויסן פאר די קינדער אז פאר מען הייבט פריש אן סיפורי מעשיות וועט מען דריי וואכן לערנען וועגן דעם רבי'נס ראש השנה, די שיחות מיט בחינות אויף דעם.

# א שמועס מיט'ן זיידן



## אַ בליק אויפן הימל

**בֶּערֶעלֶע** – אַ גוּטְן טָאג, וויאַזוֹי פִילְט זֵיידִי?

**זֵיידֶע** – בָּרוּךְ ה' גֶעלוֹיבְּט דֶער בַּאשֶׁעפֶער. זָאג מִיר בֶּערֶעלֶע הָאסְטוּ שׁוֹין גֶעקוּקְט הַיינְט צוּם הִימְל?

**בֶּערֶעלֶע** – צוּם הִימְל? וָואס אִיז דָא דָארְט?! פַארְוָואס דַארְף אִיךְ קוּקְן צוּם הִימְל?

**זֵיידֶע** – קוּקְן צוּם הִימְל אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זַאךְ, עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין הַארְץ יִרְאַת שָׁמַיִם, מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז עֶס מְסוּגָּל צוּ אַסַאךְ זַאכְן. טוּ מִיר אַ טוֹבָה בֶּערֶעלֶע, בְּרֶענְג מִיר פוּן שַׁאפֶע אִין דִי רֶעכְטֶע זַייט אַ סֵפֶר הַמִּדּוֹת וֶועל אִיךְ דִיר ווייזְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט.

**בֶּערֶעלֶע** – דָא הָאסְטוּ, אִיךְ הָאבּ עֶס גְלַייךְ גֶעטְרָאפְן,

**זֵיידֶע** – הָא יִישַׁר-כֹּחַ, קוּם לָאמִיר זֶען, קוּם קוּק אַרַיין:

**סְגֻלָּה לְגַאֲוָה-שֶׁיִּסְתַּכֵּל עַל הַשָּׁמַיִם.** – אוֹיבּ אֵיינֶער הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס חַס וְשָׁלוֹם, זָאל עֶר קוּקְן צוּם הִימְל אוּן זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּן בַּאשֶׁעפֶער וֶועט וֶוערְן דִי גַאנְצֶע גַּאֲוָה אוֹיס.

**מִי שֶׁדִּינִין שׁוֹרִין עָלָיו, יִסְתַּכֵּל בְּכָל פַּעַם עַל הַשָּׁמַיִם.** – וֶוער עֶס הָאט צָרוֹת וָואס דָאס אִיז אַ סִימָן אַז ס'אִיז דָא אוֹיף אִים דִּינִים זָאל יֶעדְן מָאל קוּקְן אוֹיפְן הִימְל.

**הִסְתַּכְּלוּת בְּכָל פַּעַם עַל הַשָּׁמַיִם זֶהוּ מְבַטֵּל שִׂנְאַת הָאוֹיְבִים.** – אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט שׂוֹנְאִים זָאל עֶר קוּקְן צוּם הִימְל וֶועט עֶס אוֹיסְמֶעקְן דִי פַיינְט.

**בֶּערֶעלֶע** – וַואוּ, אִיךְ גְלֵייבּ נִישְׁט, אַזוֹיפִיל זַאכְן קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין מִיט אַזַא פָּשׁוּטֶ'ע זַאךְ, אוֹיפְהֵייבְּן דִי אוֹיגְן אוּן קוּקְן צוּם הִימְל..! ס'אִיז בְּחִנָּם.. ס'נֶעמְט גָארְנִישְׁט קֵיין צַייט, נִישְׁט מֶער ווִי אֵיין סְקוּנְדֶע.

**זֵיידֶע** – יָא, אַזוֹי גֵייט עֶס, דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז אוֹיבּ מֶען הָאט אֱמוּנָה דַארְף מֶען נִישְׁט אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער... מִיט פָּשׁוּטֶ'ע זַאכְן קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן, נָאר הָאבְן אֱמוּנָה אִין צַדִּיק אוּן פָאלְגְן וָואס עֶר זָאגְט.

**בֶּערֶעלֶע** – אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעלֶערְנְט אִין חֵדֶר אִין חֻמָּשׁ דְּבָרִים .. כִּי קָרוֹב אֵלֶיךָ הַדָּבָר מְאֹד בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ לַעֲשׂתוֹ, מֵיין רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דִי מִצְוֹת פוּן דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט הוֹיךְ אִין הִימְל אוּן נִישְׁט ווַייט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, נָאר ס'אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט, יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען דָאס מְקַיֵּים זַיין וואוּ עֶר וֶועט נָאר זַיין...

**זֵיידֶע** – זֵייעֶר זֵייעֶר שֵׁיין, קוּם בֶּערֶעלֶע לָאמִיר שׁוֹין מְקַיֵּים וָואס מִיר הָאבְן גֶעלֶערְנְט, לָאמִיר צוּזַאמֶען קוּקְן צוּם הִימְל אַפָּאר מִינוּט.

**בֶּערֶעלֶע** – כָאטְשׁ אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אָן אַ שִׁיעוּר מָאל גֶעזֶען דֶעם הִימְל, אָבֶּער יֶעצְט וֶוען אִיךְ קוּק אַזוֹי אַפָּאר מִינוּט פִיל אִיךְ עֶפֶּעס אַ הֶעכֶערְקַייט.

**זֵיידֶע** – דֶער הִימְל דֶערְמַאנְט אוּנְז אַז ס'אִיז דָא עֶפֶּעס הֶעכֶערְס, ס'אִיז דָא אַ אַנְדֶער וֶועלְט, דוּ וֵוייסְט בֶּערֶעלֶע וָואס עֶס גֵייט פָּאר אִין הִימְל?

**בֶּערֶעלֶע** – וויאַזוֹי קֶען אִיךְ וִויסְן?

**זֵיידֶע** – מִיר קֶענֶען בֶּאֱמֶת נִישְׁט וִויסְן וָואס עֶס גֵייט פָּאר אוֹיבְן אִין הִימְל אָבֶּער דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים זֵיי וֵוייסְן יָא. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז דָא נְשָׁמוֹת וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אוּן שְׁרֵייעֶן בִּיטֶערְלִיךְ, אוֹי אִיךְ בִּין הוּנְגֶערִיג! אִיךְ בִּין הוּנְגֶערִיג! אוּן מֶען פְרֶעגְט זֵיי: "ווִילְסְט אַבִּיסְל בְּרוֹיט?"

שְׁרֵייעֶן זֵיי: "נֵיין! נֵיין!"

"אֶפְשָׁר אַבִּיסְל אֵייעֶר שְׁפֵּייז?"

"עֶנְטְפֶערְן זֵיי: נֵיין נֵיין!" "הָא, אֶפְשָׁר אַבִּיסְל צוּקֶערְלֶעךְ אוּן גוּטֶע זַאכְן?"



"נֵיין נֵיין נֵיין!" שְׁרֵייט דִי נְשָׁמָה, אִיךְ דַארְף נִישְׁט דִי אַלֶע זַאכְן, אִיךְ בִּין הוּנְגֶערִיג צוּ אַבִּיסְל תּוֹרָה, אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס צוּ עֶסְן...

שְׁפֶּעטֶער הֶערְט מֶען אַנְדֶערֶע נְשָׁמוֹת שְׁרֵייעֶן: "אוֹי בִּין אִיךְ דָארְשְׁטִיג, גֶעבּ מִיר טְרִינְקֶען! אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס!" פְרֶעגְט מֶען זֵיי: "וָואס ווִילְסְטוּ טְרִינְקֶען? אֶפְשָׁר אַבִּיסְל וַואסֶער?"

"נֵיין נֵיין! אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין וַואסֶער!" אוֹי, אֶפְשָׁר הָאסְטוּ נִישְׁט לִיבּ וַואסֶער קֶען מֶען דִיר גֶעבְן אֶפְשָׁר קַאוֶוע אָדֶער אַ וַוארֶעמֶע טֵיי?

"נֵיין נֵיין! שְׁרֵייט ווִידֶער דִי נְשָׁמָה אִיךְ בִּין דָארְשְׁטִיג גֶעבּ מִיר טְרִינְקֶען!"

"וָואס ווִילְסְטוּ טְרִינְקֶען? קַאוֹלֶע? סְפְּרַייט? דַייאֶט קַאוֹלֶע?"

"נֵיין! נִישְׁט דָאס דַארְף אִיךְ! שְׁרֵייט דִי נְשָׁמָה בִּיטֶערְלֶעךְ, אִיךְ ווִיל טְרִינְקֶען אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אַ וַוארֶעמֶע תְּפִלָּה, נָאר דָאס אִיז מֵיין טְרִינְקֶען!"

**בֶּערֶעלֶע** – אוֹי נֶעבֶּעךְ, אַזַא רַחֲמָנוּת...

זֵיידֶע – רִיכְטִיג, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָאַרְשְׁטֶעלְן דִי רַחֲמָנוּת וָואס דָארְט אִיז. וַוארְט מִיר הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט... סְאִיז אוֹיךְ דָא נְשָׁמוֹת וָואס שְׁרֵייעֶן: "ס'אִיז מִיר קַאלְט! אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס אָנְצוּטוּן!" אוּן אוֹיבּ מֶען פְּרָאבִּירְט זֵיי גֶעבְּן אַ מַאנְטְל אָדֶער אַ סְוֶועדֶער א.ד.ג. שְׁרֵייעֶן זֵיי: "נֵיין נֵיין!" מִיר קֶענֶען דָאס נִישְׁט אָנְטוּן, מִיר קֶענֶען זִיךְ נָאר אָנְטוּן מִיט מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, וַוייל אִין הִימְל זֶענֶען דִי קְלֵיידֶער פוּן דֶער מֶענְטְשׁ נָאר דִי מִצְוֹת אוּן גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעטָאן אוֹיף דֶער וֶועלְט...

**בֶּערֶעלֶע** – אוֹי עֶס כַאפְּט מִיר אַ צִיטֶער, אִיךְ ווִיל שְׁנֶעל לוֹיפְן עֶפֶּעס לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען... אִיךְ ווִיל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר אַלֵיין אוּן זִיךְ אָנְגְרֵייטְן אַסַאךְ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן מִצְוֹת, אַז אוֹיבְן זָאל אִיךְ נִישְׁט זַיין אַזוֹי נֶעבֶּעכְדִיג...

זֵיידֶע – רִיכְטִיג, אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי פַארֶענְדִיגְט: ווָאוִיל אִיז דֶעם וָואס עֶסְט אַבִּיסְל פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן שְׁפֶּעטֶער טְרִינְקְט עֶר אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אוּן עֶר טוּט זִיךְ אָן מִיט מִצְוֹת....

# דֶּעם רֶבִּ'נְס רֹאשׁ הַשָּׁנָה

## שִׂיחוֹת הָרַ"ן - חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן

### אות ריד

שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ שֶׁאָמַר: כְּשֶׁאָדָם שׁוֹאֵל לְהַצַּדִּיק אִם לַעֲשׂוֹת דָּבָר שֶׁיֵּשׁ בּוֹ מְסִירַת נֶפֶשׁ בִּשְׁבִיל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הוּא רָאוּי לוֹ לְהָשִׁיב וּלְצַוּוֹת עָלָיו שֶׁלֹּא לַעֲשׂוֹת וְאַף עַל פִּי כֵן הַשּׁוֹאֵל אֵין צָרִיךְ לְקַיֵּם דְּבָרָיו כֵּן שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ:

עוֹד שָׁמַעְתִּי בְּעִנְיָן אַחֵר: כָּל מַה שֶּׁהַצַּדִּיק מְצַוֶּה לַעֲשׂוֹת צָרִיךְ לְקַיֵּם, רַק כְּשֶׁמְּצַוֶּה שֶׁלֹּא לִסַּע עַל ראשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ זֶה אֵין צָרִיךְ לְקַיֵּם:

עֶרֶב ראשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לִתֵּן עַל פִּדְיוֹן:

### אות רטו

אָמַר: אֶצְלִי הָעִקָּר הוּא ראשׁ הַשָּׁנָה, וְתֵכֶף כְּשֶׁחוֹלֵף וְעוֹבֵר ראשׁ הַשָּׁנָה אֲנִי מַטֶּה אָזְנִי וְשׁוֹמֵעַ אִם מַכִּין בַּכֹּתֶל לְעוֹרֵר לִסְלִיחוֹת לַשָּׁנָה הַבָּאָה כִּי אֵין



שׁוּם זְמַן כְּלָל, כִּי כָּל הַשָּׁנָה חוֹלֵף וְעוֹבֵר כְּהֶרֶף עַיִן:

### קכו

(כג) דַּרְכֵּנוּ הָיָה לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ-הַשָּׁנָה וְעַל שַׁבַּת חֲנֻכָּה וְעַל חַג הַשָּׁבוּעוֹת וּבְאֵלּוּ הַשְּׁלֹשָׁה זְמַנִּים הָיִינוּ אֶצְלוֹ תָּמִיד מִיּוֹם שֶׁקָּבַע דִּירָתוֹ פֹּה בְּרֶסְלֶב. וְהָיָה מְצַוֶּה וּמַזְהִיר לִהְיוֹת אֶצְלוֹ בְּאֵלּוּ הַשְּׁלֹשָׁה זְמַנִּים וְהָיָה תָּמִיד אוֹמֵר תּוֹרָה נִפְלָאָה בַּאֲרִיכוּת גְּדוֹלָה בְּאֵלּוּ הַזְּמַנִּים. הַיְנוּ בְּרֹאשׁ-הַשָּׁנָה הָיָה אוֹמֵר הַתּוֹרָה בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת בֵּין יוֹם רִאשׁוֹן לְשֵׁנִי, וְהִתְחִיל בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת וְנִכְנַס הַרְבֵּה לְתוֹךְ לֵיל שֵׁנִי שֶׁל רֹאשׁ-הַשָּׁנָה. וּבְשַׁבַּת חֲנֻכָּה אָמַר הַתּוֹרָה בִּסְעֻדָּה שְׁלִישִׁית, וּבְשָׁבוּעוֹת הָיָה אוֹמְרָהּ גַּם-כֵּן כְּמוֹ בְּרֹאשׁ-הַשָּׁנָה בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת שֶׁל יוֹם שֵׁנִי דְּשָׁבוּעוֹת וְנִכְנַס הַרְבֵּה לְתוֹךְ לֵיל שֵׁנִי. אַךְ בְּיוֹתֵר וְיוֹתֵר הִזְהִיר לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ-הַשָּׁנָה.

וְאָמַר שֶׁעַל רֹאשׁ-הַשָּׁנָה הוּא רוֹצֶה שֶׁיִּהְיוּ

כָּל אַנְשֵׁי-שְׁלוֹמֵנוּ כֻּלָּם כְּאֶחָד אֶצְלוֹ, אִישׁ לֹא יִהְיֶה נֶעְדָּר. וְגֹדֶל הָאַזְהָרָה שֶׁהִזְהִיר לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ-הַשָּׁנָה אֵין לְשַׁעֵר וְהִכְפִּיל בְּאַזְהָרָה זוֹ כַּמָּה פְּעָמִים וְאָמַר שֶׁכָּל עִנְיָנוֹ הוּא רֹאשׁ-הַשָּׁנָה. גַּם בְּרֹאשׁ-הַשָּׁנָה הָאַחֲרוֹן בְּאוּמֶין דִּבֵּר עִמָּנוּ גַּם-כֵּן מִזֶּה מַעֲלַת מִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ-הַשָּׁנָה, וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: מָה אֹמַר לָכֶם אֵין דָּבָר גָּדוֹל מִזֶּה. (וּבִלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז: וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, קֵיין גְרֶעסֶירְס דֶער פוּן אִיז נִיט דָא).

וְאָמַר וְאִם אֵצֶל הַצַּדִּיקִים אֲחֵרִים אֵינוֹ כָּל כָּךְ חִיּוּב לִהְיוֹת אֶצְלָם דַּיְקָא עַל רֹאשׁ-הַשָּׁנָה יִקְשֶׁה עָלַי עוֹד קֻשְׁיָא אַחַת (אִיז נָאךְ אַקֻשְׁיָא). כְּלוֹמַר שֶׁאֵינוֹ רוֹצֶה לְתָרֵץ וְלוֹמַר הַטַּעַם רַק כְּאוֹמֵר שֶׁבְּלֹא זֶה יֵשׁ כַּמָּה קֻשְׁיוֹת עָלָיו וְיִהְיֶה עוֹד קֻשְׁיָא זוֹ גַּם-כֵּן, מַה שֶּׁהוּא מַקְפִּיד מְאֹד לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ-הַשָּׁנָה יוֹתֵר מִשְּׁאָר כָּל הַצַּדִּיקִים. כִּי אַף-עַל-פִּי שֶׁאֵצֶל כָּל הַצַּדִּיקִים הָיוּ נוֹסְעִים עַל רֹאשׁ-הַשָּׁנָה, אֲבָל שׁוּם אֶחָד מֵהֶם לֹא הִקְפִּיד וְלֹא הִזְהִיר כָּל כָּךְ כְּמוֹתוֹ. וְעוֹד מְבֹאָר בְּמָקוֹם אַחֵר (סִימָן ת"ג) מַה שֶּׁצִּוָּה לַעֲשׂוֹת כְּרוּז וְכוּ' וְאָמַר אָז שֶׁכָּל מִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ-הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד, אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וְכוּ'.

## רכ

בְּעֶרֶב-רֹאשׁ-הַשָּׁנָה דִּבֵּר עִמָּנוּ מֵהָרַב מִבְּרֶסְלַב שֶׁלֹּא הָיָה עַל רֹאשׁ-הַשָּׁנָה אָז בְּאוּמֶין, וְאָמַר לָנוּ מָה אֹמַר לָכֶם אֵין דָּבָר גָּדוֹל מִזֶּה, הַיְנוּ לִהְיוֹת אֶצְלִי עַל רֹאשׁ-הַשָּׁנָה. אַף-עַל-פִּי שֶׁשְּׁאָר צַדִּיקִים אֵינָם אוֹמְרִים כָּךְ, כִּי אֶצְלָם אֵינוֹ חִיּוּב גָּדוֹל כָּל כָּךְ לִהְיוֹת אֶצְלָם עַל רֹאשׁ-הַשָּׁנָה, הֲרֵי עוֹד קֻשְׁיָא אַחַת. [כְּלוֹמַר בְּלֹא זֶה כְּבָר מַקְשִׁים עָלָיו קֻשְׁיוֹת הַרְבֵּה תָּמִיד, וְיִהְיֶה קָשֶׁה עָלָיו עוֹד קֻשְׁיָא זוֹ גַּם-כֵּן מַה שֶּׁהוּא מַזְהִיר בְּיוֹתֵר לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ-הַשָּׁנָה דַּיְקָא יוֹתֵר מִשְּׁאָר הַגְּדוֹלִים]. וְאָמַר שֶׁכָּל עִסְקוֹ הוּא רַק רֹאשׁ-הַשָּׁנָה וְהִפְלִיג אָז מְאֹד מְאֹד לִהְיוֹת אֶצְלוֹ בְּרֹאשׁ-הַשָּׁנָה, וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: (וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן קֵיין גְרֶעסֶערְס דֶער פוּן אִיז נִיט פַארְהַנְדְן, אַיי אַנְדֶערֶע זָאגְן נִיט אַזוֹי, נָא אִיז נָאךְ אַ קֻשְׁיָא, גָּאר מַיין זַאךְ אִיז רֹאשׁ-הַשָּׁנָה)

אֲחֵרִים אֵינָם אוֹמְרִים כָּךְ נוּ זֶה עוֹד קוּשְׁיָא כָּל עִנְיָנִי הוּא רֹאשׁ הַשָּׁנָה] גַּם כְּבָר אָמַר (אוֹיף רֹאשׁ-הַשָּׁנָה דַארְפְן אַלֶע זַיין) . וְכָל זֶה הָיָה בְּאוּמֶין בְּרֹאשׁ-הַשָּׁנָה הָאַחֲרוֹן שֶׁאָז דִּבֵּר עִמָּנוּ זֹאת. וְגַם מִכְּבָר דִּבֵּר עִמָּנוּ הַרְבֵּה שֶׁהוּא מַזְהִיר וּמְצַוֶּה לְכָל מִי שֶׁרוֹצֶה לִשְׁמֹעַ וּלְצַיֵּת אוֹתוֹ שֶׁיִּהְיֶה אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ-הַשָּׁנָה. וְאָמַר שֶׁהָיוּ צְרִיכִין לַעֲשׂוֹת כְּרוּז וְכוּ' כַּמְבֹאָר בְּמָקוֹם אַחֵר. וְדִבֵּר מִזֶּה הַרְבֵּה כַּמָּה פְּעָמִים:

# מַעֲלַת הַמִּתְקָרְבִים אֵלָיו

## רצא

אָמַר לְרַבִּי יוּדְל וְרַבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה כְּשֶׁהָיוּ נוֹסְעִים אֵלָיו

## דער געווינער אויף די מעשה פון בטחון איז הילד החשוב מושי קורנבליט, בית שמש טעלעפאן אין שטוב 5681 **

### צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל,

### 02-5-3333-72

### 646-585-3040

א. אויב איינער וויל פארן צום צדיק אויף ראש השנה און דער צדיק זאגט אז ער דארף נישט קומען, וואס זאל ער טון ?

- ❑ ער דארף פאלגן דעם צדיק
- ❑ ער דארף פארן צום צדיק
- ❑ ער זאל פארן אויף שמחת תורה

ב. פון ווען הערט שוין דער רבי אויב מען גרייט זיך צו סליחות, צום קומענדיגן ראש השנה?

- ❑ די צווייטע נאכט ראש השנה
- ❑ ערב יום כיפור
- ❑ תיכף נאך ראש השנה

ג. וועלכע צייטן פלעגן די חסידים פארן צום רבי'ן?

- ❑ ראש חודש ניסן, ראש השנה, שבועות
- ❑ ראש השנה, שבת חנוכה, שבועות
- ❑ ט"ו בשבט, ראש השנה, שבת חנוכה

ד. וועלכע לשון האט דער הייליגער רבי געזאגט אויף זיין ראש השנה?

- ❑ מיין גאנצע זאך איז ראש השנה
- ❑ קיין גרעסערס דערפון איז נישט דא
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

?

**איך האב געהערט אז די קינדער האבן געזונגען אזוי שיין דער ניגון יחדשהו.**

יא, מען האט געקענט באקומען א הירהור תשובה ווען דער הייליגער ניגון פון רבי'ן איז געזינגען געווארן דורך אזויפיל לעכטיגע ברסלב'ע הייליגע קינדער, תינוקות של בית רבן, דער ניגון וואס לאדנט די נשמות פון גן-עדן, הא, אשרינו אז מיר האבן אזא רבי'ן וואס זיינע הייליגע ניגונים היילן אונז ביזן היינטיגן דור. גלייך דערויף האט מען פארציילט א מעשה פון א איד וואס זיין גאנצע הויז איז אים געווארן פארברענט עס איז אים געבליבן נאר זיינע ספרים און ער האט זייער דערהאלטן, עס איז אביסל א לאנגע מעשה, איך גלייך מען וועט בעז"ה עס קענען הערן אויפן דיסק.

**זייער שיין, דאס איז דאס? דער מעמד האט זיך געשלאסן?**

וואס עפעס? יעצט איז אריינגעקומען ר' יעקב נתן אנשין מיט זיין באגלייטער ר' אלעזר א ברודער פון ר' נפתלי און זייער שיין ארויסגעברענגט און אויסגעשפילט מיט ליצנותא דעבודה זרה די צען כתות ווי אזוי עס קוקט אויס היינטיגע צייטן, אז יעדער האט זיך געקענט אביסל טרעפן דארט און געכאפט ווי מען דארף לויפן צום די אמת'ע כתה פון תפלה. נאכן ארויסברענגען די פאלשקייט פון יעדע כתה, האבן די קינדער אויסגערופן מיט א ניגון:

נֵיין, נֵיין דָאס אִיז נִישְׁט שֵׁיין, מִיר הָאבְּן אַן אַנְדֶער מֵיין, מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בַּיים רֶבִּי'ן אַלֵיין, מִיטְן אֱמֶת'ן תַּכְלִית צוּ גֵיין.

פון דארט האט די קינדער זיך ארויסגעלאזט אין פייערדיגע ריקודים, א קידוש השם פון די אחדות ווי אלע קינדער צוזאמען האבן קאדאשקעט און זיך געפרייט מיט די איינציגע שמחה, מיט הייליגן רבי'ן און זיינע ספרים און זיינע לייט. שוין, צום סוף איז געווען שיינע גורלת און פרסים און מיט אן האפענונג אז קומענדיגן סיום וועלן אלע קינדער ארויפקומען און דער הייך מאכן דעם סיום, בביאת גואל צדק אמן.














